**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקלערט סטעיט אָוו עמערדזשענסי אין אראנדזש קאונטי אזוי ווי שווערע רעגנס פאראורזאכן פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען און אנדערע לעבנ'ס-סכנות'דיגע השפעות אריבער מיד-האדסאן ראיאן**

***אכט אינטשעס רעגן באריכטעט אין אראנדזש קאונטי ברענגענדיג ברייט-פארשפרייטע פארפלייצונגען, שאסיי אפשפארונגען און אנדערע לעבנ'ס-זיכערהייט שאדנס***

***פינף שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפטן און א הויכע טרעקל ארויסגעשיקט צו העלפן מיט פארפלייצונג רעטונג באמיאונגען אין מיד-האדסאן ראיאן***

***סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער און סטעיט פייער אפעראציעס צענטער אקטיוויזירט זיך צו אפרופן צו לאקאלע פארלאנגען פאר הילף***

***ניו יארקער זאלן נאכפאלגן לאקאלע וועטער פאראויסזאגונגען דורכאויס מאנטאג אזוי ווי נאך שווערע רעגן און פארפלייצונגען זענען ערווארטעט***

***שאסייען פארשפארט אין ראקלענד, וועסטשעסטער, אראנדזש, פאָטנעם און קלינטאן קאונטיס***

גאווערנער האקול האט היינט דעקלערט א 'סטעיט אָוו עמערדזשענסי' אין אראנדזש קאונטי, וואו א באריכטעטע אכט אינטשעס פון רעגן האבן געברענגט ברייט-פארשפרייטע פארפלייצונגען, מערערע שאסיי אפשפארונגען און אנדערע שטורעם-פארבינדענע שאדנס. אונטער גאווערנער האקול'ס פאראָרדענונג האט די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס'ס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט (Office of Emergency Management) אקטיוויזירט די סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער און שטייט גרייט צו ארויסהעלפן מיט לאקאלע פארלאנגען פאר הילף. די DHSES'ס אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל (Office of Fire Prevention and Control) האט ארויסגעשיקט שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפטן, און די סטעיט פארקס אפיס האט ארויסגעשיקט נאך א מאנשאפט זונטאג צו די מיד-האדסאן ראיאן צו ארויסהעלפן מיט פארפלייצונג רעטונג באמיאונגען. DHSES פעלד שטאב מיטגלידער זענען אויך באאויפטראגט געווארן צו ארבעטן מיט די אראנדזש קאונטי עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער צו העלפן ענטפערן לאקאלע פארלאנגען פאר הילף.

"איך גיב ארויס א סטעיט אָוו עמערדזשענסי אין אראנדזש קאונטי וואס איז אריבער לעבנ'ס-סכנות'דיגע אומשטענדן צוליב פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר קומען אן צו א קריטישע ווענדפונקט אין די וועטער געשעעניש, און ניו יארקער מוזן בלייבן וואכזאם. געדענקט: שטייט אוועק פון פארפלייצטע שאסייען, פאלגט נאך אייער לאקאלע פאראויסגעזאגטע וועטער און האט א גרייטע עוואקואירונג פלאן אויב איר זענט אין א 'געפאר זאנע'."

די DHSES ארבעט פון די נאענט מיט אלע באטראפענע קאונטיס צו קאארדינירן די אפרופונג. מערערע שאסייען, צווישן זיי די סטעיט רוט W9 און די פאליסעידס אינטערסטעיט פארקווע׳ גייען אריבער שווערע פארפלייצונגען און רעגן גאסן. די פאליסעידס פארקווע׳ אין די צפון ריכטונג איז פארשפארט פון עקזיט 14 ביז Long Mountain Traffic circle. ביז זונטאג אוונט זענען מער פון 12,000 עלעקטריציטעט קורצשלוסן באריכטעט געווארן אין פּאָטנעם, דאָטשעס, אלבאני, אָלסטער און אראנדזש קאונטיס.

שטייענדיג 8 אוונט, רעכענען פארשפארטע שאסייען אריין:

- פאליסעידס אינטערסטעיט פארקווע׳ און פאראייניגטע שטאטן רוט W9 אין ראקלענד קאונטי.
- יו. עס. רוט 6 אין וועסטשעסטער קאונטי
- יו. עס. רוט W9, סטעיט רוט 218, סטעיט רוט 293, סטעיט רוט M17 און סטעיט רוט 32 אין אראנדזש קאונטי
- סטעיט רוט 403 און סטעיט רוט 301 אין פּאָטנעם קאונטי
- סטעיט רוט 190 אין קלינטאן קאונטי

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "מיר ארבעטן פון די נאענט מיט שותפות'דיגע אגענטורן און לאקאלע רעגירונגען צו אדרעסירן פארפלייצונגען אין די מיד-האדסאן ראיאן דעם אוונט. מיר האבן זיך געגרייט אין לויף פון די לעצטע פאר טעג פאר די וועטער, און מיר זענען געשטאנען אין נאענטע פארבינדונג מיט לאקאלע בעאמטע דורכאויס די וואך. ניו יארקער זאלן זיין באזונדערס פארזיכטיג אויב זיי פארן און בלייבן וואכזאם."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופּעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט פאליציי ארבעט מיט אירע שותפות'דיגע אגענטורן און געזעץ אינפארסירונג שותפים אין די האדסאן וואלי ראיאן צו ברענגען געשטראנדעטע דרייווערס צו זיכערהייט. מיר האבן ארויסגעשיקט נאך טרופּערס און הילפס-מיטלען, אריינרעכענענדיג שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפטן צו העלפן די באטראפענע פון די פארפלייצונג. דאס איז אן אקטיווע עמערדזשענסי צושטאנד, און נאך שטורעמס זענען ערווארטעט. מיר מוטיגן דרייווערס צו פארמיידן די ראיאן פאר זייער זיכערהייט."

היינט נאכט און איבערנאכט, זענען רעגנס און דינערן שטורעמס ערווארטעט איבערן סטעיט. מארגן זענען דינערן שטורעמס פאראויס געזאגט פאר די הויפטשטאט ראיאן, צענטראל ניו יארק, לאנג איילענד, מיד-האדסאן, מאוהאק וואלי, ניו יארק סיטי, נארט קאנטרי און סאוטערן טיער ראיאנען, און רעגנס זענען פאראויס געזאגט פאר די פינגער לעיקס ראיאן. שווערע רעגנס וועלכע ווערן פאראורזאכט צוליב דינערן שטורעמס וואס רוקן זיך שטייט זענען ווארשיינליך צו פארזעצן צו פאראורזאכן פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען און מילדע ביז מעסיגע איזולירטע טייך פארפלייצונגען היינט נאכט ביז מאנטאג. רוב פון די מזרח חלק פון די סטעיט בלייבן אין א מעסיגע סכנה פון שווערע רעגנס היינט נאכט און מארגן. נאך רעגן אין א מאס פון 2 ביז 4 אינטשעס איז ווארשיינליך צו פאלן, מיט נאך העכערע מאסן אויף לאקאלע פלעצער פון ביז אזויפיל ווי זעקס אינטשעס היינט נאכט און מארגן. א פארפלייצונג וואַטש בלייבט אין קראפט פאר רוב פון די סטעיט.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס און פאראויסזאגונגען, באזוכט די וועבזייטל פון די נאציאנאלע וועטער סערוויס (National Weather Service) אויף https://alerts.weather.gov.

ניו יארקער ווערן געמוטיגט זיך צו איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי אלערטס דורכן זיך איינשרייבן פאר NY Alert אויף alert.ny.gov — אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

**<u>סטעיט אגענטור פארברייטערונגען</u>**

**טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די טראנספארטאציע דעפארטמענט פאלגט נאך און רופט זיך אפ צו די וועטער אומשטענדן און האט מער פון 3,470 סופערווייזארס און טראק דרייווערס וועלכע שטייען גרייט אריבער די סטעיט. פעלד שטאב מיטגלידער אין מערערע ראיאנען זענען פולשטענדיג פארנומען אין די אפרופונג ווי עס נויטיגט זיך. שטאב מיטגלידער קענען אויסגעשטעלט ווערן אין סיי וועלכע סארט אפרוף מאנשאפט לויט ווי עס נויטיגט זיך (פלייצונג אפרוף, טשיפער, לאדנען און שלעפען, סוער דזשעט, קאַט ענד טאָס, טראפיק סיגנאל, א.א.וו.).

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,425 גרויסע זאמד טראקס
- 323 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 79 עקסקעוועיטער אויף טרעקס און רעדער
- 84 האלץ טשיפערס
- 19 גרעידערס
- 18 וואקיום טראקס מיט סוער דזשעטס
- 15 בוים-קרו באקעט טראקס

**טרו-וועי אויטאריטעט**

די טרו-וועי אויטאריטעט האט 654 מאשין דרייווערס און סופערווייזארס וועלכע שטייען גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע ווינט אדער פארפלייצונג אינצידענטן אריבער די סטעיט מיט קליינע ביז מיטלמעסיגע עקסקעוועיטער טראקטארס, שארער/זאמד טראקס, גרויסע לאָודער טראקטארס, באוועגיגע VMS שילדן, באוועגיגע ליכט טורעמעס, קלענערע דזשענערעיטארס, קלענערע פּאָמפּס און עקוויפמענט-שלעפער טרעילערס, ווי אויך שילדן און אנדערע טראפיק קאנטראל מיטלען וועלכע זענען דא צו נוצן צו שיקן קארן דורך אן אומוועג אדער פאר שאסיי פארשליסונגען. עלעקטראנישע שילדן וועלכע מען קען טוישן די מעסעדזש וואס שטייט אויף זיי און סאָושעל מידיע ווערן גענוצט צוווארענען דרייווערס וועגן וועטער אומשטענדן אויף די טרו-וועי.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 362 גרויסע און קליינע זאמד טראקס
- 59 לאודערס
- 33 טרעילערס
- 6 וואקיום טראקס
- 12 עקסקעוועיטאר טראקטארס
- 8 האלץ טשיפערס
- 100 טשעינסאוס
- 23 לופט טראָקס
- 22 סקיד סטיערס
- 83 באוועגיגע דזשענערעיטארס
- 67 באוועגיגע לעמפלעך

די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט דרייווערס צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו דאַונלאָודען אומזיסט אויף iPhone און Android כלים. דער עפּ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ'ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס וועלכע שטעלן צו די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי, פאַלאָווען @ThruwayTraffic אויף Twitter, און באזוכן thruway.ny.gov צו זעהן א לעבעדיגע מאפע וואס ווייזט טראפיק אומשטענדן אויף די טרו-וועי און אויף אנדערע ניו יארק סטעיט שאסייען.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג**
DEC ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס, עמערדזשענסי פארוואלטונג שטאב און ראיאנישע מאנשאפט מיטגלידער שטייען אויפן וואך און פאלגן נאך וועטער אומשטענדן. DEC איינגעשטעלטע פירן אקטיווערהייט דורך פאטראלן אויף פלעצער און אינפראסטרוקטור וועלכע זענען ווארשיינליך צו באטראפן ווערן דורך שווערע וועטער – אריינרעכנענדיג שווערע רעגן גאס און לאקאלע פארפלייצונג – און זיי וועלן ארבעטן פון די נאענט צוזאמען מיט סטעיט און לאקאלע אגענטורן צו קאארדינירן פארפלייצונג הילף עקוויפמענט, אריינרעכנענדיג פאמפס און זאמד זעקלעך, אין פאל וואס די מיטלען פעהלן זיך אויס צו באשיצן היימער, ביזנעסער אדער אינפראסטרוקטור. אלע הילפס-מיטלען וואס זענען פאראן, אריינרעכענענדיג שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפטן, זענען פלאצירט צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. פארק באזיכער זאלן באזוכן https://parks.ny.gov, קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן בערך 5,500 ארבעטער שטייענדיג גרייט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, זיך אפצורופן, פאררעכטן און צוריקברענגען סערוויס אריבער ניו יארק סטעיט דורכאויס די שווערע וועטער. אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן אכט געבן אויף די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שטעלן צו די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן דאס מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט פאליציי האבן ארויסגעשיקט נאך טרופּערס צו באטראפענע ערטער. אלע ספעציעליזירטע קארן און טראקס פון די סטעיט פאליציי, אריינגערעכנט פאָר-וויל-דרייוו קארן און יוטיליטי טעסק קארן, זענען אויף גרייט פאר באלדיגע אפרופונג. דרייווערס זאלן פארמיידן די באטראפענע ראיאנען. **די פאליסעידס** פארקוועי אין די צפון ריכטונג איז פארשפארט פון עקזיט 14 ביז Long Mountain Traffic circle.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**
די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פאלגט נאך וועטער אומשטענדן פון די נאענט צו פארזיכערן אז זיי שטעלן צו זיכערע און פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבעטער וועלן שטיין גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע וועטער-פארבינדענע נושאים און אוועקפירן סיי וועלכע אראפגעפאלענעביימער וועלכע קענען פאלן איבער באן רעלסן. פאסאזשירן ווערן געמוטיגט צו קוקן אויף new.mta.info פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די סערוויס. פאסאנזשירן זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען סערוויס אלערטס דורך טעקס מעסעדזש אדער אימעיל. די אלערטס קען מען אויך באקומען דורך די MTA'ס עפּס: MYmta און TrainTime.

**פארט אויטאריטעט**
די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן. שנעלקייט איינצוימונגען קענען מעגליך זיין אין עפעקט ביי די בריקן, ווי אויך לענגאויס די וועגן וועלכע פירן צו און אוועק פון זיי. פאסאזשירן וועלכע נוצן די פארט אויטאריטעט'ס איינריכטונגען ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן דירעקט מיט טראנספארטאציע באס פירמעס און לופטליניעס פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן סיי דילעיס און קענסעלעישענס.

פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, קוקט ביטע אויף סאָושעל מידיע, שרייבט זיך איין צו באקומען [PA אלערטס](#) אדער דאַונלאָודט איינע פון די PA טעלעפאָון עפּס, אריינרעכענענדיג [RidePATH](#), וואס גיבט די לעצטע אפדעיטס און אלערטס פאר PATH סערוויס.

**<u>שווערע וועטער זיכערהייט עצות</u>**

**סופלייס פאר א קאטאסטראפע**
האלט סופלייס פאר א קאטאסטראפע ביים האנט, אריינרעכענענדיג:
- פלעשלייטס און עקסטערע בעטעריס
- בעטערי־באקרעפטיגטע ראדיא און עקסטערע בעטעריס
- ערשטע הילף פעקל און אנווייזונגען
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער
- נישט עלעקטרישער קען עפֿענער
- נויטיגע מעדיצינען
- טשעקבוק, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

**פלוצימדיגע פארפלייצונגען**
- פרובירט נישט קיינמאל צו דרייוו'ען אויף א פארפלייצטע ראוד. דרייט זיך אום און נעמט אן אנדערע וועג.
- אויב וואסער הייבט אן גיך זיך הייבן ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
- שאצט נישט אונטער די כוח פון גיך-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס ציט זיך בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפוואשן קאר פון א ראוד אדער בריק.

**בליצן**
- פאלגט נאך דער 30-30 כלל: אויב דער צייט צווישן ווען איר זעט א בליץ און הערט ווי עס דונערט איז אונטער 30 סעקונדעס, איז דער בליץ גענוג נאענט אייך צו דערכאפן. זוכט אויס א שוץ-ארט זאפארט. נאך דער לעצטער בליץ, ווארטס אפ 30 מינוט בעפאר איר פארלאזט אייער שוץ-ארט.
- בליצן שטויסן אן צום ערשט דאס וואס שטייט דאס מערסטע אין די הייעך. אויב איר זענט העכער די שפיץ הויעכקייט פון ביימער, גייט זאפארט ארונטער און לייגט זיך אראפ איינגעבויגענערהייט אויב איר זענט אין אן אפענעם שטח.
- אויב איר קענט נישט אנקומען צו א שוץ-ארט, שטייט אוועק פון ביימער. אויב עס איז נישט דא קיין ארט וואו זיך צו באשיצן, זעצט אייך אראפ טיף איינגעבויגן, און שטייט ווייט פון א בוים טאפלט די מאס פון איר הייעך.

**טארנאדא**

- אויב איר געפונט זיך אינדרויסן און א טארנאדאווארענונג ווערט ארויסגעגעבן, זוכט זאפארט א שעלטער. אויב עס איז נישטא קיין שעלטער נעבן אייך, לייגט זיך אויס פלאך אין א גרוב אדער אין א נידעריגע פלאץ מיט אייערע הענט באשיצנדיג אייער קאפ.
- אויב איר זענט אינדערהיים אדער אין א קליינע געביידע, גייט אראפ אין די בעיסמענט אדער צו אן אינעווייניסטע צימער אויף די אונטערשטע שטאק פון די געביידע. שטייט ווייט פון פענצטער. קלאזעטס, באדצימערן און אנדערע אינערליכע צימער באטן אן די בעסטע באשיצונג. לייגט אייך אונטער א שטארקע שטיקל מעבל אדער דעקט אייך איבער מיט א מאטראץ.
- אויב זענט איר אין א סקול, שפיטאל אדער שאַפינג צענטער, גייט צו א דעזיגנירטע שעלטער. שטייט ווייט פון גרויסע אפענע ערטער און פון פענצטערן גייט נישט ארויס אינדרויסן צו אייער קאר.
- אויב זענט איר אין א הויך-שטאקיגער געביידע, גייט צו אן אינעווייניגסטע קליינע צימער אדער קארידאר אויף די נידעריגסטע שטאק מעגליך. נוצט נישט קיין עלעוועיטערס — נוצט נאר די טרעפ.

פאר מער אינפארמאציע איבער פערזענליכע גרייטקייט און איבער וויאזוי זיך צו האלטן זיכער דורכאויס שווערע וועטער, באזוכט: https://www.dhses.ny.gov/safety-and-prevention.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418